בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת נצבים וילך תשפ"ו | שבת סליחות | גליון 854 [שנה י"ח]

**פרשת נצבים טראכט פאר דו גייסט רעדן אדער גיין טאהן א זאך**

אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם: (כט ט) מען קען מסביר זיין די סמיכות הפרשה פון פ' כי תבוא וואס עס ענדיגט זיך מיט וּשְׁמַרְתֶּם אֶת דִּבְרֵי הַבְּרִית הַזֹּאת וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם לְמַעַן תַּשְׂכִּילוּ אֵת כָּל אֲשֶׁר תַּעֲשׂוּן: (כט ח) צו מרמז זיין אויב א מענטש וועט טראכטן פאר ער טוט א זאך אז עס זאל נישט ארויס קומען פון דעם עשיה א נדנוד עבירה, וועט ער דאס זיכער נישט טאן, און אזוי וועט ער זוכה זיין צו מקבל זיין ביי זיך די פני השכינה, קען זיין פשט וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם, אויב ווען איר גייט טאן א זאך, לְמַעַן תַּשְׂכִּילוּ אֵת כָּל אֲשֶׁר תַּעֲשׂוּן, און איר וועט טראכטן פאר איר טוט די זאך, ממילא וועט איר נישט אנקומען צו זינדיגן, און איר וועט זוכה זיין צו אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם, אז דער אויבערשטער זאל זיין מיט דיר און מקבל זיין פני השכינה (לקוטי רבי משה יעקב רביקוב הסנדלר הקדוש) מען קען דאס צושטעלן צו דאס וואס שטייט עַל כֵּן יֹאמְרוּ הַמֹּשְׁלִים בֹּאוּ חֶשְׁבּוֹן (במדבר כא כז) א מושל דארף לעבן מיט א חשבון, און די גמ' (בבא בתרא דף ע"ח ע"ב) דרשענט הַמֹּשְׁלִים אלו המושלים ביצרם, בֹּאוּ חֶשְׁבּוֹן, מאך א חשבון פון די וועלט, דאס מיינט הפסד מצוה כנגד שכרה ושכר עבירה כנגד הפסדה, אויב מען לעבט מיט א חשבון און מען טראכט איידער מען טוט א זאך, וואס מען גייט פארדינען, אז עס זאל נישט ארויס קומען פון דעם קיין נדנוד עבירה, קען מען שולט זיין אויפן יצר הרע, און דאס קען אויך זיין פשט אין פסוק: מִמְּצוֹא חֶפְצְךָ וְדַבֵּר דָּבָר: (ישעיהו נח יג), מִמְּצוֹא חֶפְצְךָ, טראכט זיך איבער פאר דו גייסט רעדן אז עס זאל נישט ארויס קומען פון דיינע רייד קיין מחלוקת אדער א לשון הרע, און נאכדעם וְדַבֵּר דָּבָר זאלסטו רעדן, דער עיקר א מענטש דארף לעבן מיט א חשבון, לְמַעַן תַּשְׂכִּילוּ אֵת כָּל אֲשֶׁר תַּעֲשׂוּן, פאר מען רעדט אדער מען טוט א זאך, און אזוי וועט מען זוכה זיין צו אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם, וואס לויטן זוהר הקדוש מיינט הַיּוֹם ראש השנה, "היום הרת עולם", און מיר וועלן זוכה זיין צו א גוט יאר לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם. (שמח זבולון תשפ"ו)

**פרשת וילך פון דיין שפירן א טעם אין שבת ווייסטו דיין חלק עולם הבא**

לָקֹחַ אֵת סֵפֶר הַתּוֹרָה הַזֶּה וְשַׂמְתֶּם אֹתוֹ מִצַּד אֲרוֹן בְּרִית ה' אֱלֹקֵיכֶם וְהָיָה שָׁם בְּךָ לְעֵד: (לא כו) זאגט רש"י אז די ווארט לָקֹחַ. איז אזוי ווי "זָכוֹר", "שָׁמוֹר", און "הָלוֹךְ", מען קען געבן א רמז אין די הייליגע ווערטער פון רש"י ווייל פון דעם הייליגן שבת איז א באווייז וואו האלט דער מענטש אין זיין מדריגה, ווייל דער וואס שפירט דעם שבת מיט א אמת איז א סימן אז ער איז גאנץ מיטן אויבערשטן, און וואס מער מען פילט שבת איז מען אלץ מער מטהר דער נפש, ווייל די גמ' (ברכות דף נז ע"ב) שרייבט אז שבת איז אחד משישים פון עולם הבא, ממילא וואס מער מען איז מרגיש דעם טעם פון שבת אלץ מער איז זיין עולם הבא, און דאס שטייט אַךְ אֶת שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ כִּי אוֹת הִוא בֵּינִי וּבֵינֵיכֶם לְדֹרֹתֵיכֶם לָדַעַת כִּי אֲנִי ה' מְקַדִּשְׁכֶם: (שמות לא יג) אַךְ אֶת שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ דורך שמירת שבת כִּי אוֹת הִוא בֵּינִי וּבֵינֵיכֶם לְדֹרֹתֵיכֶם וועט איר וויסן כִּי אֲנִי ה' מְקַדִּשְׁכֶם אז דער אויבערשטער מאכט אייך הייליג, קען זיין פשט לָקֹחַ אֵת סֵפֶר הַתּוֹרָה הַזֶּה מען לערנט ארויס פון די הייליגע תורה אז זָכוֹר און שָׁמוֹר היטן און מרגיש זיין דעם שבת, איז הָלוֹךְ, העלפט דעם מענטש זאל גיין העכער אין זיינע מדריגות אין עבודת השי"ת. (קרן לדוד עה"ת)

**א שיינע דרוש: די רייד פון משה האט זיי באגלייט דעם גאנצן לעבן**

וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה בְּאָזְנֵי כָּל קְהַל יִשְׂרָאֵל אֶת דִּבְרֵי הַשִּׁירָה הַזֹּאת עַד תֻּמָּם: (לא ל) דארף מען פארשטיין אז דער לשון "עַד תֻּמָּם" איז לכאורה איבעריג, ווייל אז משה האט געזאגט די שִׁירָה, האט ער דאס זיכער געזאגט פון אנפאנג ביזן סוף? נאר מען קען זאגן אז די תורה איז מרמז אז די ווערטער פון משה האט אריין געגעבן א רושם אין די הערצער פון כלל ישראל און איז געבליבן איינגעקריצט אין זיי זייער גאנצן לעבן, קומט אויס אז די ווערטער "עַד תֻּמָּם" מיינט "די ענדע", ביז עס האט זיך געענדיגט זייער לעבן, איז שוין גוט די ווערטער "עַד תֻּמָּם". (ערוגת הבושם הרה"ק מחוסט) און דאס איז וואס שטייט אין די גמ' (חגיגה דף ג ע"ב) אויפן פסוק דִּבְרֵי חֲכָמִים כַּדָּרְבֹנוֹת וּכְמַשְׂמְרוֹת נְטוּעִים (קהלת יב יא) און אויף נְטוּעִים מה נטיעה זו פרה ורבה אף דברי תורה פרין ורבין, דאס מיינט אז דברי תורה פון א צדיק גייט אריין ביים מענטש ווי א קערענדל און עס וואקסט אריין אין מענטש און גיט אים חיזוק, און עס איז ידוע וואס צדיקים שרייבן, אז די תורה וואס זיי זאגן מוז נישט העלפן אויפן פלאץ ביים מענטש, נאר אפילו יארן שפעטער וועט דער מענטש נתעורר ווערן פון די תורה וואס ער האט געהערט יארן פריערט, און עס ווערט געברענגט פון הייליגן בעל שם טוב זיע"א אויפן משנה (אבות פ"ו מ"ב) אָמַר רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי: בְּכָל יוֹם וָיוֹם בַּת קוֹל יוֹצֵאת מֵהַר חוֹרֵב וּמַכְרֶזֶת וְאוֹמֶרֶת: אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת מֵעֶלְבּוֹנָהּ שֶׁל תּוֹרָה! און שטייט אין גמ' (חגיגה דף טו ע"א) אז דער אויבערשטער זאגט יעדן טאג שׁוּבוּ בָּנִים שׁוֹבָבִים, און די קשיא איז אז מען הערט עס נישט? נאר דער בת קול איז וואס ליגט אין מענטש וואס אלע נשמות האבן געהערט ביים בארג סיני, און פונקט יעצט ווערט דער מענטש נתעורר צו תשובה טאן ווייל עס ליגט אין אים און עס שפראצט יעצט ארויס, קען מען מוסיף זיין אויפן מהלך פון הייליגן ערוגת הבושם אז דאס איז פשט אין פסוק וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה, אז משה האט גערעדט און עס איז נאר אריין בְּאָזְנֵי כָּל קְהַל יִשְׂרָאֵל, אבער די רייד איז געבליבן אין אלע נשמות, עַד תֻּמָּם, ביז סוף כל הדורות, וואס דעם בת קול וואס זיי הערן שפעטער און איז מחזק די מענטשן אין די ריכטיגע מינוטן, איז נאך פון די רייד פון משה, און בס"ד האב איך געזען א מהלך אין ספה"ק (אמרי יהודה–ברעזאן) וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה וַיְדַבֵּר אֶת הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל: (ל"א א') איז דען מעגלאך אז משה האט גערעדט צו גאנץ כלל ישראל? נאר ביים הייליגן ר' **אשר ישעי' מראפשיץ** זצוק"ל איז געקומען א חסיד צו אים און איז געוועזן דארטן א פאר וואכן, און דער חסיד טראכט ער איז שוין דא עטליכע וואכן און דער רבי האט אים נאך נישט געגעבן א דרך אין עבודת ה'! און ער טראכט אז ער וועט גייט פרעגן דעם רבין א דרך, און ווען ער קומט צום רבין און ער עפענט די טיר זעהט ער ווי דער רבי גייט אהין און צוריק אין צימער, און ווען דער רבי מערקט דעם חסיד, הויבט ער אן זאגן די קשיא פון וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה וַיְדַבֵּר אֶת הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל, האט משה גערעדט צו גאנץ כלל ישראל? נאר דער תירוץ איז: אז משה איז געגאנגען אין זיין חדר אהין און צוריק מיט א שטארקן דביקות, און האט אזוי גערעדט צו כלל ישראל אז ער האט אריינגעשיינט א דרך אין עבודת ה', דער חסיד האט שוין נישט געדארפט פרעגן א דרך אין עבודה וויסנדיג אז דער רבי שיינט אריין אין אים דעם ריכטיגן דרך, דאס איז געוועזן ביי משה רבינו און אזוי אויך ביי אלע צדיקים שפעטער. (שמח זבולון תשפ"ו)

# מדור העובדות

## ***** א מתנגדישער וויין סוחר האט געוואלט מכשיל זיין רבי שמואל מקארוב און איז געווארן זיין חסיד *****

דער הייליגער צדיק רבי שמואל מקארוב זצוק"ל האט געוואוינט אין ניישטאדט (נפטר י"ד באייר תק"פ) ער איז געווען א תלמיד פון הייליגן רבי אלימלך מליזענסק זיע"א (כ"א אדר תקמ"ז) און נאכדעם פון הייליגן רבי יעקב יצחק דער חוזה מלובלין (ט' באב תקע"ה). און ערשט דעמאלט אנגעהויבן פירן באדמורו"ת אין שטאט קארוב, הרה"ק ר' יחזקאל מקוזמיר איז געווען פון זיינע תלמידים.

הרה"ח ר' חיים לייב וואס איז געווען דער משמש בקודש ביי רבי שמואל אין קארוב, האט דערציילט וואס עס האט פאסירט מיט אים איינמאל ביים רבין: דער מנהג פון רבי שמואל איז געווען צו קויפן ביי דעם זעלבן וויין סוחר אין שטאט צוויי פלעשער וויין פאר די שבתדיגע סעודות, דעמאלט אין אנפאנג איז געווען ענג מיט געלט און דער וויין סוחר אפילו ער איז געווען א גרויסער מתנגד פון רבי'ס, האט ער געהאט כבוד פאר רבי שמואל און אים מסכים צו געבן די צוויי פלעשער וויין אויף בארג און שפעטער האט מען באצאלט.

מיט די צייט האט מען שוין דערציילט מופתים פון רבי שמואל און דער וויין סוחר וואס איז געווען א מתנגד און האט מבטל געווען און אפגעלייקנט אלע מופתים וואס די חסידים פון רבי שמואל האבן דערציילט אויף זייער רבי'ן, דעריבער האט דער וויין סוחר געוואלט אים פרובירן צו זעהן אויב רבי שמואל איז טאקע א צדיק! אומר ועושה ווען ר' חיים לייב איז געקומען נעמען די צוויי פלעשער וויין פאר די שבתדיגע סעודות, האט אים דער וויין סוחר געגעבן צוויי פלעשער פון "סתם יינם" און מיט דעם האט ער געוואלט פרובירן דעם צדיק און זיך איבערצייגן צו ער וועט שפירן מיט זיין רוח הקודש וואס ער האט געטאן איידער ער נעמט דעם וויין אין מויל, ווייל אויב ער איז טאקע א צדיק וועט מען אים אפהיטן פון הימל אז ער זאל נישט דורכפאלן, אזוי ווי מען געפינט אין די גמרא די מעשה מיט דעם אייזל פון רבי פנחס בן יאיר וואס איז אפגעהיטן געווארן פון עובר זיין א עבירה, און אויף דעם זאגט די גמרא כל שכן די צדיקים אליין ווערן אפגעהיטן פון א עבירה.

ר' חיים לייב נעמט אפ די פלעשער וויין און אזוי גייענדיג אויפן וועג זענען פלוצלונג ארויסגעפאלן פון זיינע הענט די צוויי פלעשער און האבן זיך צעבראכן, און דער וויין האט זיך אינגאנצן אויסגעגאסן, די זאך איז געווען א וואונדער ביי אים ווייל ער האט באדינט רבי שמואל מיט דעם גרעסטן מאס געטריישאפט וועלכער דער רבי האט אים אפגעשאצט, און האט אכטונג געגעבן אויף די פלעשער און יעצט האט ער פארשאפט א שאדן פארן רבין!

ר' חיים לייב האט נישט געוואוסט וואס צו טאן יעצט, זאל ער גיין צום רבין און דערציילן וואס עס האט פאסירט, וועט דאס שאפן א עגמת נפש פארן רבין, ווייל געלט איז נישט געווען, און יעצט וועט ווערן א חוב פון נאך צוויי פלעשער, אפילו ער איז געווען א אונס און איז פטור, אדער זאל ער צוריק גיין און בעטן נאך צוויי פלעשער וויין מיט א תירוץ, אז אויף דעם שבת פעלט אים מער וויין צום טיש ווי שטענדיג, אבער ער האט  מורא געהאט אז דער סוחר וועט אים נישט גלויבן אז מען דארף נאך צוויי פלעשער, א זאך וואס איז ביז דעמאלט נישט פאסירט, און ער וועט זיכער מורא האבן אז מען וועט אים נישט באצאלן פאר זיי! צום סוף האט ער באשלאסן ביי זיך אז ער גייט זיך אומקערן צום וויין סוחר און בעטן נאך צוויי פלעשער וויין פארן רבי'ן.

דער וויין סוחר האט זיך זייער געוואונדערט, און אים געפרעגט די סיבה פארוואס דאס מאל פעלט אים נאך צוויי פלעשער, ווייל מען האט קיינמאל נישט געדארפט מער ווי צוויי פלעשער? האט ר' חיים לייב געענטפערט אז איך וועל דיר זאגן דעם גאנצן אמת, און אים דערציילט אז די צוויי פלעשער וויין וואס דו האסט מיר געגעבן זענען ארויסגעפאלן פון  מיינע הענט און האבן זיך צעבראכן, און האט מודה געווען, אז ער איז אליין שולדיג אין דעם, דעריבער בין איך געקומען בעטן אז עס וועט אים פעלן פארן רבי'נס טיש נאך צוויי פלעשער, בעת וואס רבי שמואל אליין ווייסט נישט דערפון, ווייל איך האב זיך נאך נישט אומגעקערט צו אים, און אים נישט דערציילט וועגן דעם, ווייל איך האב אים נישט געוואלט מצער זיין.

דער וויין סוחר האט געפרעגט ר' חיים לייב צו דאס איז דער גאנצע אמת? האט ר' חיים לייב צו געזאגט אז דאס איז אמת, האט דער וויין סוחר געזאגט אויב אזוי געב איך דיר די צוויי פלעשער א מתנה פארן רבין, און זאגט איך וויל דיר דערציילן וואס איז דא געשען: איך האב געוואלט פרובירן זעהן צו מען וועט אפהיטן דעם צדיק פון א שטרויכלונג און איך האב מיט דיר געשיקט צוויי פלעשער פון "יין סתם" נישט חלילה יין נסך, אז אויב דער רבי איז א צדיק און א בעל מופת ווי מען זאגט אויף אים, וועט ער שפירן אז דאס איז נישט כשרע וויין, אבער יעצט האב איך געזען מיט די מעשה אז מען האט געהיטן דעם רבין פאר עס איז אנגעקומען צו אים, בין איך מודה אז ער איז א גרויסער צדיק.

האט ר' חיים לייב דערציילט אז נאך שבת איז דער סוחר אליין געקומען איבערבעטן רבי שמואל אויף זיין בייזן פלאן, און ער איז געווארן א איבערגעגעבענער חסיד, און געגעבן צוויי פלעשער אומזינסט ביז די מצב פון געלט האט זיך פארבעסערט, די מעשה האט דערציילט הגאון ר' יחיאל מיכל אב"ד דק"ק שעפס, וואס האט דאס אליין געהערט פון ר' חיים לייב, זיע"א.

(ספר שבחי צדיקים הר' מענדל ציטרין, תרמד)

הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן

פסק דין עם חתימת הגאון ר' יוסף ענגיל $7500 ייטב פנים דפו"רחלק ב $600 זוהר דפוס סלאוויטא ר' משה $18000 ספר צמח ה' לצבי דפו"ר יש דף הוספה $2800, רגל ישרה בני יששכר $1800 סעט משניות טשערנאוויץ ת"ר תר"ו $2500, שו"ת הרי"ם דפו"ר עם חו"מ מצב מפואר שייך למשפחת החידושי הרי"ם $2500 ספר צמח צדיק ויזניץ דפו"ר $1200 ספר אמרי ברוך ויזניץ דפו"ר $900 ספר אהבת ישראל וויזניץ דפו"ר $700, ספר עבודת יששכר וואלברוז דפו"ר $1000 הגדה פרי חיים שהשתמש בו בעל חלקת יהושע מביאלא $3000 ספר טורי אבן דפוס ראשון עם חתימת הגאון רב שמעון לאנגסאם בעל שלמי רגלים על חגיגה אב"ד מעליץ $1500 ספר מקצוע בתורה להגאון מפלאצק דפו"ר עם חתימה וחותמת הרה"ק ר' משה ירוחם מארגנשטערן בנו של הרה"ק ר' מנחם מענדל מקאצק זצוק"ל $2000 ספר פרשת דרכים דפוס ראשון עם חתימת והגהות הגאון רב שלמה חכים בעל מלאכת שלמה שאלוניקי תרכ"ג וגם חתימת נכדו ר' דוד חכים $1000 סעט ערבי נחל שבירך ונתן הרה"ק מטאהש זצוק"ל לבחור שנבחן על סוגיא בש"ס עם אישור $800 זמירות שבת שבירך ונתן הרה"ק בעל מאור ישראל מסקולען תשע"ט לתומך $750, איסור והיתר פראג תקמ"ד עם חתימת וחותמת הר' עזריאל הילדסהיימער $650 איסור והיתר פראג תקמ"ד עם חתימת ר' חיים יעקב ב"ר יהודה דוב פיינשטיין שהיה שד"ר מצפת $600 איסור והיתר פראג תקמ"ד עם חתימת ר' אברהם יצחק וויינבערגער מקליינווארדיין ובניו ותלמידו ר' צבי הירש בלום $700 ישמח משה שייך להרה"ק מטאש עם כתב ידו מעיר טאש עם אישור $10000 גמ' שלמד בו הרה"ק ר' איציקל מפשעווארסק $2500 דפו"ר קדושת לוי מהדורא תנינא תקס"ז חסר השער ו6 דפים $4500 ספר מעבר יבוק זיטאמיר $2000 מכתב הרה"ק ר' מנחם מנדל מפביאניץ הי"ד $1500 מכתב המנחת אלעזר עם ראשי הקהל לחתונת בתו עם ברכתו $8000, מכתב ארוך שנת תש"ז מאגודת ישראל ארה"ב מבקשים עזרה מאגודת ישראל לונדון עזרה חותמים אדמו"ר מבלאזוב, ר' אלי' מאיר בלאך, ר' שמעון שוואב, אלימלך טרעס ור' הענדעלס $3800 מכתב הרה"ק ר' יחזקאל מאוסטראווצא $1800 שו"ע יו"ד ח"ב וחו"מ ח"א סלאוויטא $3000 כל אחד, ספר אמרי יהודה מהגה"ק מסעקלעהיד עם ב' חתימות מהגאון ר' יחיאל מיכל הכהן פריעד בעל תורת יפה בנו של הגאון רב נתנאל בעל פני מבין $2000 ספר מטה משה ב' חתימות מהגאון ר' יחיאל מיכל הכהן פריעד בעל תורת יפה עם הגה $2000 מכתב הגאון ר' יונתן שטייף תש"א מבקש מר' יעקב רוזנהיים להצילו $1800 ספר עם חתימת הגאון בעל חמדת שלמה והרה"ק ר' יעקב אדמו"ר מיעזוב בן הרה"ק מטשעכנאוו $3000 ~ 4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA

718 - 438 - 8414 ~ 718 - 633 - 5500 Hours are 12 -7:30 Fri 11-1:30, To receive the pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday. website www.seforimworld.com.

דער קומענדיגע גליון וועט זיין אויף פרשת בראשית הבעל"ט א כתיבה וחתימה טובה